הבינוני
"לבבון ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פרשת עקב ||| שנת תשפ"ג לפ"ק ||| גליון י"ד ||| שנה א'

# הבינוני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

פטרון סדר דברים
הרוצה בעילום שמו
לטו"נ הרה"ק רבי אלעזר
בן הרה"ק רבי אלימלך זי"ע מריישא

## בך בטחתי

**בּוֹטֵחַ בְּלִבּוֹ הוּא כְסִיל וְהוֹלֵךְ בְּחָכְמָה הוּא יִמָּלֵט;**
זיך פאַרלאָזן בלויז אויף השי"ת אפילו אין רוחניות

יום ראשון בלק, ד' תמוז תשע"ט

א

# כי בך לבד בטחנו; אונזערע הצלחות 'ברוחניות' איז אויך פון דעם אויבערשטן

### 'ניין און נײַנציג פראָצענט' הצלחה קומט פון תפלה

ס'איז דאָ אַ באַקאַנטע מימרא וואָס די וועלט זאָגט ווען עס קומט צו מחנך זיין קינדער: אַז 99 פּראָצענט פון די רעזולטאַטן איז געוואָנדן אין תפלה, און בלויז 1 פּראָצענט איז תלוי אין דער השתדלות וואָס מען האָט געטון.

אַנדערע זאָגן די זעלבע געדאַנק מיט אַן אַנדערן 'נוסח', אַז אַסאַך מאָל וואַקסט דאָס קינד ערליך, צוליב טרערן פון אַ באַבע, און אַזוי איז דאָ ענליכע נוסחאות, וואָס די געדאַנק פון די אַלע מימרות איז דאָס זעלבע, אַז **במציאות איז פאַרהאַן אַזויפיל חלקים אין חינוך וואָס די עלטערן האָבן דערויף נישט קיין שום שליטה, און בלויז 'תפלה' איז די איינציגע זאַך וואָס העלפט באמת!**

אַמאָל קען מען מען אַזויפיל אינוועסטירן אין דעם חינוך פון אַ קינד, מיט הארץ און פּעולות, אָבער לײדער פּאַסירן זייטיגע פאַקטאָרן וואָס שטערן די גאַנצע זאַך. ווידעראום אַמאָל זעט מען פאַרקערט, אַז די עלטערן האָבן נישט עפּעס באַזונדער געטון און זיי האָבן יאָ מצליח געווען מיט'ן חינוך, ס'איז נישטאָ קיין שום מהלך צו פאַרשטיין וויאַזוי דאָס קינד איז אַזוי שיין אויפגעוואַקסן, ווייל לויט די אַרומיגע אומשטענדן וואָלט ער געדאַרפט אויסקומען גאַנץ שוואַך.

ווען מען זעט אַזעלכע זאַכן, ווי שטאַרק די 'השתדלות' שטימט נישט מיט די 'רעזולטאַטן', קומט יעדער אָן צו דער מסקנא אַז: 'הצלחה אין חינוך קומט בעיקר פון הימל'! אַמאָל איז דאָס אַדאַנק די אייגענע תפלות און אַמאָל צוליב די תפלות פון דעם פריערדיגן דור. ס'איז ממש אַזוי קלאָר אַז 99 פּראָצענט פון דער הצלחה קומט נישט פון די אייגענע השתדלות.

### מ'דאַרף טון די השתדלות אָבער געדענקן דעם אמת

אודאי מיינט מען נישט חלילה צו מזלזל זיין אין דעם חיוב צו טון כל מה שביכולת פאַר'ן חינוך פון די קינדער. דער הייליגער **רש"ב פון ליובאַוויטש** זי"ע האָט שוין געזאָגט אַז יעדער איד דאַרף מקדיש זיין 'אַהאַלבע שעה יעדן טאָג' צו טראַכטן וועגן דעם חינוך פון זיינע קינדער!

געוויס דאַרף מען טון אַלעס וואָס מען קען פאַר'ן חינוך. און אויב מען טוט דאָס נישט ריכטיג, **דעמאָלט קען דאָס אליינס צומאָל גורם זיין אַז מען זאָל נישט האָבן קיין סייעתא דשמיא,** ווייל דער מענטש האָט דאָך נישט געטון וואָס מען פאַרלאַנגט פון אים אַז ער זאָל טון פון זיין זייט.

אָבער נאָך אַלעם, ווען עס קומט צו די רעזולטאַטן, זעט מען עס מיט אַ קלאָרקייט אַז **זייער אַסאַך מאָל איז די 'הצלחה' בכלל נישט געוואָנדן אין די 'השתדלות' וואָס מען האָט געטון,** נאר דאָס קומט פון הימל, לויט דעם רצון ה'.

### דער כלל איז גילטיג אויך ביי אַלע רוחניות'דיגע זאַכן

אונזער רבי, דער הייליגער 'בעל חובת הלבבות', לערנט אונז דאָ, גלייך אין אָנהויב פון זיין 'שער הבטחון', אַז אָט דער כלל איז נישט בלויז נוגע ביי חינוך, נאר **דאָס איז אַן אמת'ער יסוד ביי יעדע זאַך וואָס אַ מענטש טוט. ביי חינוך קען מען עס ממש זען אָפן אָבער דאָס איז פּונקט אַזוי רעלעוואַנט איבעראָל!** ווען עס קומט צו גשמיות'דיגע זאַכן איז דאך זיכער אַז די זאַך אַרבעט אַזוי, און אפילו ביי יעדע רוחניות'דיגע זאַך איז דאָס דער אמת'ער כלל!

מיר דאַרפן טון וואָס דער רבוש"ע האָט געהייסן, מיר דאַרפן לערנען, מקיים זיין מצוות, א.א.וו. אָבער די 'רעזולטאַטן' און די 'הצלחה' קומט 'נישט' צוליב די 'השקעה' וואָס מיר האָבן אַריינגעלייגט! די פּירות איז אינגאַנצן נישט געוואָנדן לויט די השתדלות!

אַסאַך לומדי תורה קענען מעיד זיין אַז זייער 'הצלחה' שטימט בכלל נישט מיט זייער 'השקעה'. אַמאָל לייגט דער מענטש אַריין אַסאַך שעות אין לערנען און ער זעט נישט קיין ברכה אין לערנען, און אַמאָל פאַרקערט.

אפילו ווען עס דאַכט זיך יאָ פאַר'ן מענטש אַז זיין הצלחה קומט פון זיין השתדלות, **מאַכט ער אַ גרויסן טעות.** ווייל אַלעמאָל קומט סיי וועלכע הצלחה בלויז פון סייעתא דשמיא!

### אייביג און אַלעמאָל באַקומט מען די רעזולטאַטן בלויז פון דעם רבוש"ע

צומאָל זעט דער מענטש קלאָר אַז זיין הצלחה אין לערנען איז נישט לויט די השתדלות. ער זעט ממש בחוש אַז ס'איז דאָ געווען אַ העכערע סייעתא דשמיא, צי אַדאַנק זיינע תפלות אָדער אַדאַנק די תפלות פון די פריערדיגע דורות, וואָס דורכדעם איז ער אָנגעקומען צו תורה.

ווידער איז פאַרהאַן אַז עס קוקט טאַקע אויס פאַר'ן מענטש ווי אַן אייגענע 'הצלחה', **אָבער ס'איז נישט קיין אמת'ע רוחניות'דיגע הצלחה,** נאר ס'איז אַ חיצוניות'דיגע זאַך, ווי דער פּסוק זאָגט: "עושר שמור לבעליו לרעתו".

און ס'קען אויך זיין אַז מען זעט הצלחה און ס'איז טאַקע אַן אמת'ע פּנימיות'דיגע הצלחה ברוחניות, וואָס מען קען זיך איינרעדן אַז ס'קומט אַדאַנק זיין השתדלות, **אָבער דאַרף מען געדענקן אַז דאָס קומט אַלעס בלויז פון סייעתא דשמיא!** אַמאָל קומט טאַקע די סייעתא דשמיא בזכות וואָס ער האָט זיך אַזויפיל אָנגעשטרענגט צו זיצן און לערנען, האָט מען אים געגעבן דעם שכר פון הימל צו קענען אויסשטייגן. ווייל אַז מען טוט דעם רצון ה' העלפט

דער איבערשטער אַז מ'זאָל זען אַ ברכה אין דעם פלאַג.

## די תפילה פון 'רבון העולמים ידעתי' מיינט אויך 'רוחניות'

ס'איז באַקאַנט די הייליגע תפלה וואָס איז נתחבר געוואָרן דורך הרה"ק רבי מאיר'ל אפטער זי"ע: "**רבון העולמים ידעתי, כי הננו בידך לבד כחומר ביד היוצר, ואם גם אתאמץ בעצות ותחבולות, וכל יושבי תבל יעמדו לימיני, להושיעני ולתמוך נפשי, מבלעדי עוזך ועזרתך אין עזרה וישועה**".

אַמאָל מיינען מיר אַז דאָס אַלעס איז געזאָגט געוואָרן בלויז ביי גשמיות'דיגע זאַכן. זאָגט אונז דעריבער דער 'בעל חובת הלבבות' אַז דאָס איז אַ טעות גדול! מיר דאַרפן נאָכאַמאָל אָנהויבן זאָגן דעם 'רבון העולמים'...!

"**ואם גם אתאמץ בעצות ותחבולות**" - מיינט אַז אפילו איך בין געגאַנגען צו אַלע סאָרט 'חינוך קורסן', כ'האָב געאַרבעט און געלערנט וויאַזוי זיך צו ריכטיג אָפּגעבן מיט מיין קינד און מיט זיך אליינס.

"**וכל יושבי תבל יעמדו לימיני, להושיעני ולתמוך נפשי**" - מיינט אַז אפילו איך האָב זיכער געמאַכט מיין זון זאל האָבן דעם בעסטן מלמד. איך אליינס בין אויך געגאַנגען צו די בעסטע מענטשן אין דעם פעלד, וואָס האָבן מיך געהאָלפן פסיכאָלאָגיש און מיט געלט.

דאָס איז אַלעס שטותים מיט נאַרישקייטן! ווייל "**מבלעדי עוזך ועזרתך אין עזרה וישועה**"! אויב דער רבוש"ע העלפט נישט דעמאָלט זענען די אַלע זאַכן גאָרנישט ווערד!

קען זיין אַז דאָס איז אַביסל שאַרף זיך אויסגעדרוקט אָבער **דאָס איז דער אמת לאמיתה!** און ווי געזאָגט, מיינט דאָס נישט חלילה אַז מ'זאָל נישט טון די ריכטיגע השתדלות, און מען זאָל חלילה נישט זוכן קיין מהלכים אין חינוך. דאָס מוז מען טון, ווייל דאָס איז דאָך אַ חלק וואָס דער רבוש"ע האָט אונז געהייסן! מען דאַרף בלויז געדענקן אַז **די השתדלות ברענגט נישט די הצלחה!** ס'איז בסך הכל אַ זאַך וואָס מיר טוען כדי צו מקיים זיין דעם רצון ה'. און ווען דער מענטש פאָלגט דעם רצון ה' וועט ער זיכער באַקומען אַ הצלחה פון הימל, מיט אַ סייעתא דשמיא וואָס איז נאָך אַסאַך מער פון זיין השתדלות!

## דאָס זעלבע איז שייך אויך ביי 'סור מרע'

די תפלה פון הרה"ק רבי מאיר אפטער זי"ע גייט ווייטער: "**ואם חלילה יחפצו כולם להרע, אז אתה בחמלתך תשים עיניך עלי ותשקיף עלי לטובה ממעון קדשיך**".

וואָס מיינט די ווערטער "**יחפצו כולם להרע**"?! אַז יענער וויל מיך צונעמען הונדערט דאָלער?! ניין, עס מיינט אויך ווען שלעכטע חברים ווילן זיך צוטשעפּענען צו מיין זון און אים וויזן ביטערע זאַכן, דעמאָלט גלייבט דער איד אַז: "**אתה בחמלתך תשים עיני עלי ותשקיף עלי לטובה ממעון קדשיך**"! דער רבוש"ע גייט מיך העלפן! ווייל אויב דער איבערשטער וועט נישט העלפן חלילה, **וועל איך גאָרנישט קענען טון דאָס צו פאַרמיידן!** און אויב וועט ער יאָ העלפן וועט קיינער נישט קענען שעדיגן מיין קינד!

## לאָמיר אויפהערן לעבן אין אַ טעות ברוחניות

ס'איז זייער אַ פאַרוויטאָגטע מימרא איבערצוזאָגן, אָבער דער חובת הלבבות זאָגט אונז דאָ אַז **ס'איז דאָ מענטשן וואָס זענען זיך טועה אַגאַנץ לעבן מיט זייער רוחניות, פון אָנהויב ביז'ן סוף!** מיר דאַרפן טוישן אונזער בליק אויף ווען עס קומט צו רוחניות!

מען רעדט פון מענטשן וואָס זענען עוסק אין רוחניות אַלעמאָל, אָבער **זיי פאַרלאָזן זיך אויף זייער אייגענע חכמה און אויף זייער אייגענע כשרונות.** און אויב מען פאַרלאָזט זיך אויף די אייגענע חכמה דעמאָלט גיט דער איבערשטער איבער דעם מענטש אויף וועמען ער פאַרלאָזט זיך! און ער נעמט חלילה אַראָפּ זיין השגחה פון דעם מענטש.

## די טבע הבריאה אַרבעט אַזוי

דאָס איז די ערשטע כלל פון דעם חובת הלבבות אין 'שער הבטחון', אַז דער רבוש"ע האָט אַזוי אַריינגעלייגט אין דער 'טבע' פון די 'בריאה' **אַז ווען אַ מענטש איז זיך בוטח אין עפעס ווערט ער איבערגעגעבן פאַר יענע זאַך!**

ס'איז אינטערעסאַנט צו אָנמערקן אַז דער כלל אַרבעט אפילו להלכה ביי עניני ממונות. דאָס זעט מען ביי דעם דין פון 'שעבוד קרקעות', אַז אויב אַ 'לוה' באַצאָלט נישט זיין חוב, קען דער 'מלוה' אָפּנעמען זיין געלט פון יענעמ'ס קרקע. דאָס איז אָבער בלויז אויף ער האָט געוואוסט אַז יענער האָט 'קרקע' און ער האָט זיך פאַרלאָזט דערויף, דעמאָלט קען ער גובה זיין די קרקע! **אויב מיר ווייסן אָבער קלאָר אַז ער האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויף די 'קרקע' דעמאָלט קען ער נישט אָפּמאָנען זיין געלט פון דאָרט!** ווייל אַזוי אַרבעט די 'טבע הבריאה', אַז אויף די זאַך וואָס דו פאַרלאָזט זיך, פון דאָרט באַקומסטו דיין השפעה.

דערפאַר איז דאָס די ערשטע לימוד פון דעם 'שער הבטחון'. נאָכדעם וואָס דער חובת הלבבות האָט אונז געלערנט, אין די פריערדיגע שערים, אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט און מ'דאַרף אים דינען, זאָגט ער אַז **כדי צו זיין אַן עובד ה' דאַרף מען האָבן בטחון אין אים.** אַז נישט קען מען פשוט נישט ריכטיג מצליח זיין אין קיין איינע פון די תרי"ג מצוות.

## אויב מען הייבט אָן אַנדערש, קען מען נישט האָבן קיין טענות

אַמאָל קען מען זען אַ מענטש וואָס האָט געלערנט און געטון מצוות, אָבער ער איז ווייט פאַרגרייזט געוואָרן און מען וואונדערט זיך: "**ער האָט דאָך געהאָרעוועט באהלה של תורה, באהלה של קיום מצות, וויאַזוי קען זיין אַז ער איז אַזוי פאַרדרייט געוואָרן פון אָנהויב ביז'ן סוף**".

דער תירוץ איז טאַקע די נקודה. פאַרוואָס האָט דער מענטש געהאַלטן אַז ער גייט מצליח זיין ברוחניות?! **ווייל ער האָט זיך איינגערעדט אַז ער קען אליינס, מיט זיינע כשרונות און זיין חכמה!** זאָגט מען פון הימל: "אַז דו קענסט אליינס, נו, גיי מיט דיינע אייגענע כוחות".

מען האָט אונז געהייסן אָנהויבן מיט בטחון בה', און דעריבער אויב דער מענטש האָט אָנגעהויבן מיט אַן אַנדערע זאַך, קען מען נישט האָבן קיין טענות! וואָס איז בכלל געווען די הוה אמינא אַז ער וועט האָבן הצלחה?!

דער חובת הלבבות לערנט אונז אַז איידער מען הייבט אָן יעדע דיבור, יעדע מחשבה, און יעדע מעשה פון עבודת ה', זאָלן מיר טראַכטן און בעטן: "**רבוש"ע איך פאַרלאָז זיך בלויז אויף דיר, ווייל אויב איך גיי זיך נישט פאַרלאָזן אויף דיר, וועל איך זיכער טומלען, איך וועל גיין קרום. רבוש"ע! איך בעט דיך ברחמים! פיר מיך אויפ'ן ריכטיגן וועג, אין מיין קיום המצות, אין מיין 'בין אדם לחבירו', אין מיין 'לימוד התורה', אין אַלע מיינע וועגן!**"



# מבלעדי עזרתך אין עזרה וישועה: דער יסוד פון בטחון 'איך בין הילפסלאָז!'

## די בעסטע עצה: צו וויסן אַז ס'איז נישטאָ קיין עצה

ס'איז דאָ אַ ספר '**רוממות נשמת ישראל**' וואָס איז נאָך געדרוקט געוואָרן בעפאָר די מלחמה. ער שמועסט אויס זייער שיין, אַז דער טעות וואָס מענטשן מאַכן ווען עס קומט צו פרנסה, איז אַז זיי שפּירן כאילו זיי האָבן אַ מהלך וויאַזוי צו פאַרדינען געלט. **דאָס איז למעשה גורם אַז זיי זאָלן נישט האָבן קיין פרנסה, ווייל ווען זיי פאַרלאָזן זיך אויף זייער אייגענע חכמה און פעאיגקייט האָבן זיי זיך אַוועקגעריקט פון דעם איבערשטן און זיי זענען זיך בוטח אויף זיך אליינס.**

דערמיט ערקלערט ער פאַרוואָס מיר זען אַז געוועגליך דרייט זיך קיינער נישט אַרום פאַר'דאגה'ט אויב ער וועט מאָרגן לעבן. דאָס איז **ווייבאַלד דער מענטש ווייסט זייער קלאָר אַז ס'איז נישט אין זיינע הענט, ער קען גאָרנישט טון דערצו**, דעריבער נעמט ער דאָס אַרויס פון זיין מח אינגאַנצן, און ער דאגה'ט ער ניטאַמאָל דערוועגן.

ווידעראום **ביי פרנסה רעדט זיך דער מענטש איין אַז ער קען זיך יאָ אַן עצה געבן.** דעריבער איז ער אַזוי אומרואיג. אויב וואָלט אַ מענטש געוואוסט מיט אַ געוואַלדיגע קלאָרקייט אַז ס'איז נישטאָ קיין שום עצה אויף דער וועלט אים צו ברענגען פרנסה, בלויז דער איבערשטער וועט אים העלפן, וואָלט ער געלעבט מיט אַ רואיגקייט.

דאָס שטייט טאַקע אין פסוק (דברים ח, י"ז): "**ואמרת בלבבך כחי ועצם ידי עשה לי את החיל הזה וזכרת את ה' אלקיך כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל**". אַז מען לערנט פשוט קען זיך דאַכטן אז דער פסוק רעדט פון מענטשן וואָס מיינען אַז זיי האָבן פיזישע כוחות. אָבער דער תרגום אויפ'ן פלאַץ טייטשט: "**ארי הוא יהיב לך עצה למקני נכסין**".

דער תרגום לערנט אָפּ דאָס וואָרט "כח" אַז דאָס מיינט אַ מהלך, אַ חכמה, צו פאַרדינען געלט. דער פסוק רעדט פון אַ מענטש וואָס מיינט אַז "איך האָב אַ מהלך, איך קען דאָס באַווייזן, איך האָב עס שוין אַסאַך מאָל געטון, עס וועט זיין בסדר". **אַזאַ מענטש פאַרלאָזט זיך אויף זיין אייגענע חכמה, און דאָס וועט ברענגען אַ חורבן.** דעריבער זאָגט דער פסוק אַז מען דאַרף געדענקן אַז דער רבוש"ע גיט די עצה, ער וועט דיך העלפן מיט אַלע פלענער צו פאַרדינען פרנסה!

## בטחון קומט פון אַ געפיל פון 'חסר אונים'

דאָס איז דער יסוד וואָס דער חובת הלבבות הייבט אָן דערמיט, אַז אויב אַ מענטש וויל אָנקומען צו סיי וועלכע הצלחה בגשמיות וברוחניות, **מוז ער קודם שפירן אַ געפיל פון 'חסר אונים' - איך קען נישט!**

'חסר אונים' איז די געפיל וואָס אַן ערנסטער 'בעל חוב' שפירט נאָכדעם וואָס ער האָט געהאַט אַ גאַנצע פלאַן וויאַזוי צו מאַכן געלט, אָבער למעשה האָט ער פרובירט אַלע סאָרט פעולות און ס'איז דורכגעפאַלן. ער האָט שוין יעצט געמאַכט דעם לעצטן טעלעפאָן און ער האָט מער נישט קיין שום מהלך. **אָט די הרגשה דאַרף דער מענטש שפירן יעדן איינציגן טאָג, יעדעס מאָל, ווען ער וויל מצליח זיין מיט סיי וואָס אין לעבן!**

אַצינד, אַז דו האסט שוין די געפיל פון פאַרלוירנקייט, **ביזטו שוין ממש אַ שפאַן אַוועק פון דיין הצלחה!** יעצט דאַרף מען נאר מאַכן דעם ריכטיגן באַשלוס, וואָס עס זאָל זיין די קומענדיגע מחשבה:

אויב איז דער מענטש מחליט אַז ער איז זיך מייאש און ער גיט אויף, האָט ער דערמיט מגלה געווען אַז זיין איינציגע מהלך איז געווען זיך צו פאַרלאָזן אויף זיינע אייגענע כוחות און דעריבער, יעצט ווען ער האָט שוין נישט קיין פלאַן, איז ער זיך מייאש.

אָבער אויב נאָך די מחשבה פון 'חוסר אונים', זאָגט דער מענטש: **"איין מינוט, אויב איך קען סייווי גאָרנישט אליינס טון, ווער האַלט מיך?! אָה דער רבוש"ע! איז דאך געוואַלדיג! ער וועט מיך ווייטער העלפן!**". קומט דאך אויס אַז די געפיל פון 'איך קען נישט' איז געוואָרן די כלי אים צו ברענגען זיין הצלחה! ווייל יעצט גייט ער זיך פאַרלאָזן אויף השי"ת, אַנשטאָט זיך בוטח זיין בעצמו! און אַדאַנק דעם גייט ער טאַקע באַקומען אַ שפע פון הימל.

## ווען ס'איז דאָ דער געפיל פון 'כלו כל הקיצין' דעמאָלט קומט די ישועה

עס דערציילט הרה"ח ר' **שלום מרדכי רובאַשקין** שליט"א אַז במשך די יאָרן וואָס ער איז געזיצן אין תפיסה האָט מען פרובירט אומצאָליגע מאָל אַלע סאָרט שתדלנות אים צו באַפרייען; מען האָט אינוועסטירט הונדערטער טויזנטער דאָלער פאר אַדוואָקאַטן און מען האָט איינמאָל און נאָכאַמאָל אַפעלירט זיין אורטייל. יענעם חנוכה האָט מען צוריקבאַקומען אַ בריוו אַז דאָס געריכט האָט אָפּגעוואָרפן די לעצטע האָפענונג און ס'איז שוין נישטאָ קיין שום שאַנס וואו צו גיין העכער דאָס צו אַפעלירן.

ער האָט אין יענע מינוט באַקומען די הרגשה אַז ס'איז שוין נישטאָ גאָרנישט וואָס צו טון, די געפיל האָט אים געגעבן אַזאַ שמחה, אַז **יעצט געפינט ער זיך בלויז אין דעם אויבערשטנס הענט**, עד כדי כך אַז ער האָט זיך געשטעלט טאַנצן! און אַלע ווייסן די גוטע ענדע, אַז טאַקע אין דעם טונקעלן מצב איז אומגעראָכטן אָנגעקומען זיין באַפרייאונג.

צדיקים האָבן געטייטשט דעם פסוק: "**השלך על ה' יהבך והוא יכלכלך**", אַז געוועגליך דאַרף אַ מענטש מאַכן 'השתדלות' כדי דאָס זאָל זיין אַ 'כלי' פאר די שפע פון הימל. אָבער ווען ס'איז שוין נישט מעגליך צו טון סיי וועלכע השתדלות פאר אַ כלי, דעמאָלט זאָל מען דאָס זעלבסט אַרויפוואַרפן אויף דעם באַשעפער! "והוא יכלכלך", ער וועט מאַכן אויך די 'כלי' צו מקבל זיין די 'שפע'!

## 'שער היחוד' איז דער יסוד פון 'שער הבטחון'

דער חובת הלבבות הייבט אָן און זאָגט אונז: "אויב ווילסטו זיין אַ איד דאַרפסטו אָנהויבן מיט דעם יסוד פון בטחון. **איך רעד נישט פון זיין אַ הויכע בעל מדריגה, איך רעדט פון פשוט'ע אידישקייט.** אויב דו ווילסט זיין אַ פשוט'ער איד, דאַרפסטו אָנקומען צו דעם געפיל אַז דו קענסט גאָרנישט אליינס און אַלע דיינע הצלחות איז בלויז געוואָנדן אין דעם רצון ה'." ווייל **וויאַזוי איז דען שייך צו זיין אַן ערליכער איד אויב דיין האַרץ און מח איז נישט אַראָפּגעשטעלט ריכטיג?!**

דער חובת הלבבות האָט אָנגעהויבן זיין ספר מיט'ן 'שער היחוד', צו אויפווייזן אַז דער רבוש"ע איז דער איינציגער וואָס פירט די גאַנצע וועלט און ס'איז נישטאָ קיין שום אַנדערע כח אויסער אים. דאַן איז ער אַריבער צום 'שער הבחינה', וויאַזוי מען קען זען דעם בורא אין יעדע זאַך פון זיין בריאה, דאַן האָט ער מסביר געווען אין 'שער עבודת אלקים' אַז דער מענטש איז מחויב צו דינען דעם איינציגן באַשעפער.

אַצינד זאָגט דער חובת הלבבות, נאָכדעם וואָס כ'האָב דיר מקדים געווען די אַלע זאַכן און דו ווייסט שוין אַז מען דאַרף דינען דעם אויבערשטן, זאָלסטו וויסן אַז **די ערשטע זאַך פון עבודת ה' איז צו אָנהויבן לעבן מיט בטחון!** אַלע אַנדערע זאַכן, אפילו לימוד התורה און קיום המצוות, קען קומען בלויז נאָכדעם וואָס דו האסט שוין קונה געווען דעם ערשטן גרויסן יסוד!

> **העכסטנס איינמאָל אַ יאָר, אין אַ דרשה בעפאָר שבועות, וואַרפט מען אַריין אַ דערמאָנונג אַז אַלע הצלחות קומען נישט פון כשרונות און פון התמדה, נאר פון תפלה...**

## לעבן מיט די ידיעה אַז דער רבוש"ע פירט יעדן פרט פון אונזער מהלך החיים

דער חובת הלבבות האָט געשריבן דעם 'שער היחוד' נישט ווייל ער האָט געוואָלט חוקר זיין בלויז פאר די חכמה דערפון. ער האָט דאָס געשריבן ווייל **די זאַך פון 'יחוד השם' איז אַ 'ידיעה' וואָס מען דאַרף לעבן דערמיט**, אַז ס'איז דאָ איין איינציגער באַשעפער וואָס פירט יעדע דעטאַל אויף דער וועלט אַלעמאָל!

אויב ווען דו האסט געהאַט אַ גאַנצע פלאַן וויאַזוי צו שאַפן געלט און ס'האָט זיך נישט אויסגעאַרבעט ביזט געוואָרן צעבראָכן, באַדייט דאָס אַז דו האסט נאָכנישט געלערנט 'שער היחוד'! **אַ ריכטיגער עובד ה' נעמט די יסודות פון 'שער היחוד' און ער לייגט דאָס אַריין אין זיין פריוואַטע לעבן, אין זיינע פריוואַטע פראָבלעמען, אין זיינע רוחניות'דיגע נסיונות, אין זיין חינוך הילדים!**

נעם די הבנה פון 'שער היחוד' - אַז ס'איז דאָ נאר איין באַשעפער וואָס פירט אַלעס, און ווען דו זעצט זיך לערנען אַ בלאַט גמרא, געדענק אַז אויב דו מיינסט אַז דו קענסט אליינס פאַרשטיין, האָסטו נישט געלערנט דעם 'שער היחוד'! **ווייל האסט זיך איינגערעדט אַז ס'איז דאָ נאָך אַ כח חלילה אויף דער וועלט!** האסט געמיינט אַז דיין אייגענע חכמה קען דיך העלפן! דאָס הייסט אַז דו ביזט געווען אַ "פנה אל רהבים ושטי כזב", אַנשטאָט זיך בוטח זיין אין דעם אויבערשטן.

## מקיים זיין מצוות מיט אמונה איז גאָר עפּעס אַנדערש

די זעלבע יסוד איז נוגע ביי אַלע 613 מצוות. **אויב טוט מען דאָס מיט אַן אמונה אין דעם אויבערשטן, דאַן איז דאָס די גרעסטע זאַך.** אָבער אויב נישט איז עס חלילה טויטע מצוות.

מען קען אַמאָל האָבן אַ טעות אַז אויב מען וועט טון אַסאַך מצוות און אַסאַך תורה, אָן דעם ריכטיגן צוגאַנג, וועט עס ברענגען צו דביקות. אָבער דער חובת הלבבות זאָגט אונז: אַנטשולדיגט אויב איך צעברעך דיך, אָבער ס'איז אַ 'סותר על מנת לבנות'... טויזנט קרומע מצוות קענען נאָכנישט ברענגען דעם מענטש צו זיין תכלית. אודאי וועט ער באַקומען שכר דערפאַר, אָבער **עס קען נישט ברענגען צו קיין דביקות אויב עס פעלט די יסוד פון אמונה.** ווידעראום **איין גלייכע מצוה, וואָס ווערט געטון מיט אַ בטחון אין דעם רבוש"ע, קען אַזוי שטאַרק אויפהייבן דעם מענטש** און דאָס וועט אים ברענגען צום תכלית!

אַ מענטש קען האָבן די אַלע מעלות פון 'כשרון' און 'חכמה', וואָס דעריבער איז ער אַ 'למדן', אָבער **עס וועט אים גאָרנישט ברענגען**, אויב קומט דאָס נישט מיט דעם הרגשה פון 'שער היחוד', אַז ס'איז נישטאָ קיין שום כח אויף דער וועלט אָן דעם אויבערשטן.

## אשרי הגבר אשר שם בה' מבטחו

לאָמיר אַצינד לערנען די ווערטער פונעם חובת הלבבות אינעווייניג:

"**ומי שבוטח בזולת ה' מסיר האלוקים השגחתו מעליו, ומניח אותו ביד מי שבטח עליו**" - אויב דער מענטש איז זיך בוטח אין אַ צווייטע זאַך וואָס איז נישט דער אויבערשטער. ער שפירט אַ רואיגקייט צוליב עפּעס אַנדערש, וועט דער אויבערשטער אַראָפּנעמען זיין השגחה און אים איבערגעבן אין די הענט פון יענע זאַך אויף וואָס ער פאַרלאָזט זיך.

"**ויהיה כמי שנאמר בו** (ירמיהו ב, יג): **כי שתים רעות עשה עמי אותי עזבו מקור מים חיים לחצוב להם בארות בארות נשברים**" - ווען מען האָט נישט קיין בטחון אין השי"ת איז דאָס פאַררעכנט ווי 'שתים רעות', נישט בלויז האָט מען אָפּגעלאָזט השי"ת, נאר מען טוט זיך אויטאָמאַטיש פאַרזיכערן אין אַן אַנדערע כח.

**ואמר** (תהלים קו, כ): **וימירו את כבודם בתבנית שור אוכל עשב, ואמר הכתוב** (ירמיהו יז, ז): **ברוך הגבר אשר יבטח בה' והיה ה' מבטחו, ואמר** (תהלים מ, ה): **אשרי הגבר אשר שם ה' מבטחו ולא פנה אל רהבים ושטי כזב, ואמר** (ירמיהו יז, ה): **ארור הגבר אשר יבטח באדם ושם בשר זרועו ומן ה' יסור לבו** - פון די אַלע פסוקים ברענגט דער חובת הלבבות אַ ראי' צו דעם יסוד אויב אַ מענטש פאַרלאָזט זיך אויפ'ן אויבערשטן וועט אים דער רבוש"ע העלפן, אָבער אויב מען איז זיך נישט סומך אויף השי"ת, איז מען זיך יאָ סומך אויף אַ צווייטע זאַך, וואָס דאַן איז געזאָגט געוואָרן 'ארור הגבר אשר יבטח באדם', ער איז נישט זוכה צו ברכה, נאר צו דאָס פאַרקערטע. פון 'ברוך' ווערט 'ארור', חלילה.

### ווער ס'איז זיך 'יאָ' בוטח אויף זיין חכמה איז זיך 'נישט' בוטח אין באַשעפער

אַצינד הייבט דער חובת הלבבות אָן צו ברענגען דוגמאות פון מענטשן וואָס פאַרלאָזן זיך אויף אַנדערע און נישט אויפ'ן אויבערשטן. **די ערשטע דוגמא איז ווען דער מענטש פאַרלאָזט זיך אויף זיין אייגענע חכמה.**

דער חובת הלבבות האָט פאַרשטאַנען אַז **דער נפש פון דעם מענטש איז קודם כל זיך בוטח אויף זיך אליינס, נאָך אפילו איידער ער איז זיך בוטח אויף אַנדערע מענטשן.** ווייל דער מענטש שפירט אַ געוויסע רואיגקייט מיט זיין אייגענע חכמה און כוחות, אין אַ בחינה פון "פת בסלו"...

ווען ער דאַרף אָנקומען צו יענעם האָט ער דאָך, ווי נישט ווי, אַ ספק; אפשר וועט אים יענער יאָ העלפן און אפשר נישט. אָבער ווען ער באַטראַכט זיינע אייגענע כוחות איז ער דאָך אַזוי זיכער מיט זיך. **ער גלייבט דאָך אַזוי שטאַרק אין זיין אייגענע חכמה, ער שפירט אַז ער קען זיך אָן עצה געבן.** דעריבער איז אַלעמאָל די ערשטע זאַך אויף וואָס דער מענטש פאַרלאָזט זיך: **אויף זיך אליינס!**

זאָגט אויף דעם דער חובת הלבבות: "**ואם יבטח על חכמתו ותחבולותיו וכוח גופו והשתדלותו**" - דאָס הייסט אַז ס'איז דאָ מענטשן וואָס האָבן טאַקע נישט קיין פיזישע כוחות אָבער זיי פאַרלאָזן זיך אויף זייער חכמה און זיינע תחבולות, ווידעראום איז דאָ מענטשן וואָס פאַרלאָזן זיך אויף זייער גוף, אַז זיי קענען טון די ריכטיגע השתדלות.

"**יעזבהו ה' לנפשו ויגע לריק ויחלש כוחו, ותקצר תחבולותו מהשיג חפצו, כמו שאמר הכתוב** (איוב ה, יג): **לוכד חכמים בערמם**". - אַזאַ איינער וועט אים השי"ת פאַרלאָזן און ער וועט נישט קענען דערגרייכן זיין באַגער וואו ער האָט געוואָלט אָנקומען, ווייל די אייגענע חכמה איז אַזוויו אַ נעץ וואָס מען כאַפּט דאָרט פיש, די זעלבע זאַך אויב דער מענטש נוצט זיין חכמה אָן קיין בטחון, איז דאָס פּאַר אים ווי אַ נעץ, אַ פּאַסטקע, **זיין חכמה איז זיין דורכפאַל.**

**ואמר** (קהלת ט, יא): **שבתי וראה תחת השמש, כי לא לקלים המרוץ ולא לגיבורים המלחמה, וגם לא לחכמים לחם וגם לא לנבונים עושר, וגם לא ליודעים חן, ואמר** (תהלים לד, יא): **כפירים רשו ורעבו ודורשי ה' לא יחסרו כל טוב.** - שלמה המלך זאָגט אַז ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויף די בריאה און ער האָט געזען אַז נישט די חכמים און די גבורים זענען מצליח, עס האָט גאָרנישט צוטון מיט חכמה אָדער גבורה. אַזוי שטייט אויך אין תהלים, אַז טראָצדעם וואָס עס קען זיך דאַכטן אַז די יונגע לייבן מיט זייער גבורה קענען האָבן מער עסן, האָט זיי דאָס גאָרנישט געברענגט.

ג

# כי ה' יתן חכמה מפיו דעת ותבונה; אַנערקענען אַז די הצלחה אין תורה איז אַ מתנה פון הימל

### ביי רוחניות איז אַסאַך שווערער צו אַנערקענען אַז אַלעס איז דער אויבערשטער

ווען עס קומט צו גשמיות'דיגע זאַכן איז גרינגער צו אָנקומען צו דער הכרה אַז 'מיר קענען גאָרנישט אַליין', ווייל דער רבוש"ע צייגט פאַר'ן מענטש אַז ער איז נישט אַזאַ גרויסער מוצלח ווי ער רעדט זיך איין... דער אינגערמאַן איז געווען זיכער אַז ער גייט פאַרדינען מיט אַ געוויסע אינוועסטמענט, אָבער ס'האָט זיך אויסגעשטעלט אַנדערש ווי ער האָט זיך איינגערעדט. זעט ער דאָך בחוש אַז דער רבוש"ע פירט דאָ אַלעס.

אָבער ווען עס קומט צו רוחניות, איז אַסאַך שווערער צו אָנקומען צו אַזאַ הכרה, ווייל דער מענטש לערנט און זעט פּאַקטישע הצלחה. **ער הייבט אָן גלייבן אין זיין חכמה און אין זיינע כשרונות**, אָבער דאָ ליגט באַהאַלטן אַ פּראָבלעם. ווייל **אַזאַ תורה, וואָס קומט פון אַ נישט ריכטיגע פלאַץ, קען נישט ברענגען דעם מענטש צו דביקות אין דעם אויבערשטן!** ס'איז טאַקע חכמה אָבער די גמרא זאָגט דאָך שוין (תענית ז, א): "**כל העוסק בתורה שלא לשמה נעשית לו סם המוות.**"

אַמאָל האָבן מיר אַ נטי' צו לייגן אַזאַ גמרא אין דער זייט... מען ווייל נישט טראַכטן פון אַזעלכע גמרות ווייל מען זאָגט אַז דאָס זענען הויכע מדריגות. "אבי מען לערנט, הלואי זאָל עס כאָטש זיין שלא לשמה". אָבער דער חובת הלבבות זאָגט אונז: "**גיב אכט, ווייל דו ווילסט דאָך דינען דעם אויבערשטן!**".

אודאי איז דאָ אַסאַך מדריגות אין 'תורה שלא לשמה' אָבער ס'איז דאָ אַזאַ מדריגה וואָס די תורה ווערט ממש אַ 'סם המוות' חלילה, **ווען דער מענטש הייבט זיך אָן פאַרלאָזן אויף זיין אייגענע חכמה, איז ער דעמאָלט יונק זיין חכמה פון דער סטרא אחרא** און נישט פון דעם אמת'ן מקור החכמה חלילה.

### 'שלא ברכו בתורה תחלה' - זיי האָבן זיך פאַרלאָזט אויף זייערע אייגענע כשרונות

אַזוי זאָגן דאָך חז"ל (נדרים, פא, א): "**מפני מה אבדה הארץ, מפני שלא ברכו בתורה תחלה**". דאָס איז טייטש אַז אויב מען לערנט נישט ריכטיג, ברענגט דאָס חלילה אַ חורבן! אויב מען נוצט די חכמה פון דעם ריכטיגן פלאַץ וועט עס ברענגען אַלעס גוטס, אָבער אויב נישט, דעמאָלט נעמט דאָס חלילה אַוועק די שפע פון דעם בית המקדש און פון דער וועלט.

אודאי ווייסן מיר דעם כלל פון "לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצווה אפילו שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה - בא לשמה". און ווי די מפרשים זענען שוין מסביר אַז ס'איז פאַראַן פאַרשידענע דרגות אין 'תורה שלא לשמה'. **מען פאַרלאַנגט נישט פון דעם מענטש אַז ער זאָל גלייך זיין אויסגעאַרבעט, אַז ער זאָל נישט האָבן הנאה האָבן פון קיין 'כבוד' און פון קיין 'פניות'.** אָבער זיי כאָטש מקיים דעם 'ברכו בתורה תחלה'! ווען דו גייסט צו צום לערנען חזר זיך איין אַז "כי ה' יתן חכמה, מפיו דעת ותבונה"! **דערמאַן זיך אַגאַנצע צייט אַז אויב דער רבוש"ע גייט מיך נישט העלפן, גיי איך גאָרנישט פאַרשטיין!**

געדענק אַלעמאָל אַז "מיין כלי איז בעצם ליידיג, דער אויבערשטער דאַרף דאָס אנפולן"! און מיט די הרגשה זיי מתפלל אַז דער רבוש"ע זאָל זיך אריינשיינען די חכמת התורה. **דעמאָלט איז מען יונק פון דעם אמת'ן אור התורה,** און מען איז זוכה צו אַ ריכטיגע הצלחה!

### 'יודעי שמך' און דערנאָך 'לומדי תורתך'

אַמאָל וואונדערט מען זיך, ווען מען זעט אַ מענטש וואָס לערנט פלייסיג אָבער ווען עס קומט צו זיינע מדות איז ער ליידער חרוב ונחרב. וואָס איז דען די וואונדער?! **זיין פראָבלעם איז נישט אַז ער האָט מדות משחתות, דאָס איז שוין די תוצאה!** ווייל ער האָט נישט יונק געווען זיין תורה פון דעם אמת'ן פלאַץ! **ער האָט טאַקע געלערנט אַסאַך חכמה, אָבער די תורה ברענגט אים נישט צו קיין 'תיקון המדות' ווילאַנג ער איז זיך נישט מכניע פאַר'ן אויבערשטן ביים לערנען.**

מען מיינט נישט חלילה צו צעברעכן מענטשן. ס'איז דאָך דאָ אַזויפיל אידן וואָס לערנען יאָ ריכטיג, מען רעדט נאר פון אַ געוויסע 'באַגריף', וואָס מען דאַרף געדענקן יעדעס מאָל ווען מען גייט לערנען, און מען דאַרף דאָס איינזין האָבן ביי ברכת התורה. **אַן ערליכער איד איז אַלעמאָל מתפלל זיין אַז דער רבוש"ע זאָל אים 'מכוון זיין אל האמת'; עס איז אים**

**אייביג 'שגור על הלשון' אַ האָפענונג און אַ תפלה צו השי"ת אַז ער זאָל אים באַלייכטן מיט דער תורה.**

שפּעטער אַז עס קומט אַריין 'פּניות' ביים לערנען, האָט מען דאָך נישט קיין ברירה, אָבער כאָטש זיי מתפּלל: "ונהיה אנחנו... יודעי שמך ולומדי תורתך" - **צוערשט 'יודעי שמך' און הערשט דערנאָך 'לומדי תורתך'!** דאָס לערנען זאל צוגיין מיט אַן הקדמה אַז מיר זענען אינגאַנצן אָנגעוויזן אויפ'ן אויבערשטן! ווייל אויב מען טיילט אָפּ צווישן די צוויי זאַכן האָט מען נישט קיין שום האָפענונג אויף אַן אמת'ע רוחניות'דיגע הצלחה וואָס זאָל טוישן דעם מענטש!

## די הגדרה פונעם חזו"א אויף אַ אינגערמאַן וואָס האָט זיך געענדערט פון די בחור'ישע יאָרן

אין דעם גליון 'באר הפרשה' (במדבר תשע"ו) פון הרה"צ רבי **אלימלך בידערמאַן** שליט"א, איז געווען געדרוקט אַ מעשה וואָס ער האָט געהערט פון אַ זון פון דעם בעל המעשה, הגאון רבי **אלעזר צדוק טורטשין** ז"ל, וועלכער איז געווען אַ מקורב ביים 'חזון איש' זצ"ל.

ווען ר' אלעזר צדוק איז אַמאָל געווען ביים 'חזון איש' צוליב אַן ענין, האָט אים דער חזו"א פאָרגעשטעלט אַ 'חקירה' וואָס ער האָט געהאַט אויף דעם וואָס מען זעט צומאָל ביי מענטשן וואָס אַלס בחור אין ישיבה האָבן זיי אויסגעקוקט ווי תלמידי חכמים און יראי שמים, אָבער נאָך דער חתונה זענען זיי ממש נתהפך געוואָרן לאיש אחר.

האָט דער 'חזון איש' געפרעגט: וואָס איז דער פּשט דערפון?! איין וועג וואָס מ'קען זאָגן איז אַז אין ישיבה איז דער אינגערמאַן טאַקע געווען אַ פיינער בחור, נאר שפּעטער ווען ער איז אַרויס אויף דער מגושם'דיגער גאס איז ער אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אדער איז דאָ אן אַנדערע מהלך דאָס צו ערקלערן, אַז בעצם זענען זיי שוין אין ישיבה אויך נישט געווען אויסגעהאַלטן, נאר ס'איז געווען באַהאַלטן און ס'איז נאָכנישט געווען וואו זייער 'קלות הדעת' זאל אַרויסקומען.

ווען ר' אליעזר צדוק האָט געהערט די 'חקירה' איז ער געווען זיכער אַז דער 'חזון איש' מיינט אים צו מרמז זיין אַז ער איז געפאַלן נאָך דער חתונה... איז ער געוואָרן זייער פאַרלוירן און פון גרויס צעמישעניש האָט ער נישט געהאַט דעם קאָפּ צו רעדן ווייטער מיט'ן 'חזון איש'. ער איז אַרויס פון דאָרט און ער האָט אָנגעהויבן שפּאַצירן אויף די פאַרקערטע ריכטונג פון זיין הויז, נישט וואוסנדיג וואו ער גייט בכלל.

אינמיטן אַזוי שפּאַצירן טרעפט אים אַ ידיד און פרעגט אים פאַרוואָס ער איז אַזוי צעטראָגן, האָט ר' אליעזר צדוק זיך אויפגעכאַפּט פון זיינע געדאַנקן און ער האָט פאַרציילט די חקירה וואָס דער חזו"א האָט אים געפרעגט. זאָגט אים דער חבר, זיי נישט קיין נאר, קום צוריק אַרויף צום 'חזון איש' און פרעג אים וואָס איז די תשובה אויף זיין חקירה.

ר' אליעזר צדוק האָט זיך געלאָזט איבעררעדן, ער איז צוריקגעגאַנגען צום 'חזון איש' און אים געפרעגט וואָס איז טאַקע די ענטפער. האָט אים דער חזו"א געזאָגט אַז איך האָב דיך פריער נישט געענטפערט ווייל דו האסט מיר נישט געבעטן קיין תשובה, אָבער יעצט אַז דו פרעגסט וועל איך דיר זאָגן: **די אמת'ע תירוץ איז די צווייטע צד פון דער חקירה!** אַזאַ איינער האָט שוין אין ישיבה אויך נישט געהאַט קיין געהעריגע אמונה, דעריבער קוקט ער יעצט אויס וויאַזוי ער זעט אויס!

דער 'חזון איש' האָט ווייטער געזאָגט: מענטשן מיינען אַז אמונה ליגט אין דער קעשענע, אָבער באמת איז דאָס אַ גרויסער טעות. מען דאַרף אַסאַך האָרעווען צו קונה זיין אמונה און אַז מען אַרבעט נישט דערויף האָט מען דאָס נישט! מען קען לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, אָבער די ערשטע זאַך איז צו געדענקן אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט און זיך פאַרלאָזן אויף אים.

דער חזון איש האָט צוגעלייגט: ווילסט וויסן וויאַזוי מען איז קונה אמונה? וועל איך דיר זאָגן. ווען דו האסט צעריסענע שיך, וואָס טוסטו? דו נעמסט געלט און גייסט קויפן נייע שיך אין געשעפט. דאָס איז אָבער נישט די ריכטיגע וועג! **ווען מען גייט אַרויס פון שטוב דאַרף מען בעטן דעם אויבערשטן אַז ער זאָל העלפן טרעפן די פּאַסיגע שיך געשעפט; אַז די שיך זאָל זיין גוט; אַז דער מוכר זאָל אים באַהאַנדלן שיין; און אז מען זאָל האָבן גענוג געלט צו באַצאָלן, א.א.וו..** אַזוי דאַרף מען טון אַלעמאָל ווען מען גייט איינקויפן סיי וואָס! אָט אַזוי לעבט מען אַלעמאָל מיט אמונה!

## די אמונה קען באַגלייטן דעם מענטש אין אַלע זיינע וועגן

דערפאַר זעט מען אַז ווען עס גייט נישט פאַר'ן מענטש וויאַזוי ער וויל ביים איינקויפן, ווערט מען אַזוי ברוגז: "דאָס איז נישט קיין נאָרמאַלע געשעפט אייגנטומער... אַלעמאָל זענען זיי פאַרמאַכט... אַזעלכע טייערע פּרייזן...". אַזאַ רעאַקציע קומט בלויז דערפון ווייל דער מענטש האָט זיך פאַרזיכערט אַז ער גייט אודאי מצליח זיין, והא ראי' ער האָט דאָך נעכטן מצליח געווען. **ער האָט זיך אָבער נישט בוטח געווען בה'!**

> **אַ אינגערמאַן גייט אַרויס פון כּולל אַרבעטן און ער איז אויסער זיך: "וויאַזוי איז אפילו שייך במציאות צו זיין אַן ערליכער איד מיט אַזעלכע נסיונות?!"**

מען דאַרף זיך מרגיל זיין אַז יעדעס מאָל וואָס מען גייט אַרויס פון שטוב זאל דאָס זיין מיט אַ תפלה. **אויב האָט מען טאַקע געטראָפן דאָס וואָס מען האָט געוואָלט דאַנקט מען השי"ת דערפאַר!** אַז מען לעבט נישט אַזוי, דעמאָלט איז דער 'חובת הלבבות' געבליבן אין ספרים שאַנק! ס'איז נישט אַריין אין דעם מענטש!

דאָס האָט דער חזון איש געענטפערט: דער בחור וואָס איז געוואָרן אַנדערש אַלס אינגערמאַן, איז אויך אין ישיבה נישט געווען דבוק צו אידישקייט אין אמונה. **ער האָט טאַקע געלערנט גוט אָבער ס'איז בכלל נישט קיין קשיא וואָס איז געשען נאָכדעם, ווייל צו קונה זיין אמונה דאַרף מען האָרעווען!** צו קונה זיין אמונה דאַרף מען זיך צוגעוואוינען צו בעטן און דאַנקן אויף יעדע קלייניגקייט.

## די גרויסע תביעה; מה יעשה הבן ולא יחטא?

די הייליגע ווערטער זענען ליידער אַזוי אמת. דער בחור אין ישיבה, אָדער דער אינגערמאַן אין כולל, דרייט זיך אַגאַנצן טאָג אין אַ סביבה וואָס די גאַנצע אַטמאָספערע איז אַלעמאָל אַז אַ בעל כשרון הייסט אַ מוצלח; דער וואָס קען זיצן אויף איין פּלאַץ לענגער דער איז אַ מוצלח; דער וואָס קען צייגן פּאַקטישע 'תוצאות' דער איז אַ מוצלח, נו, אויב אַזוי 'מה יעשה הבן ולא יחטא'?! **מען רעדט שטענדיג בלויז פון כשרונות און הצלחות, און העכסטנס איינמאָל אַ יאָר, אין אַ דרשה בעפאָר שבועות, וואַרפט מען אַריין אַ דערמאַנונג אַז אַלע הצלחות קומען נישט פון כשרונות און פון התמדה, נאר פון תפלה...**

אויב הערט מען דאָס בלויז אַמאָל ביי אַ דרשה, וועט עס טאַקע העלפן אויף דער מינוט, אָבער דאָס וועט נישט טוישן דאָס 'מציאות' וואָס מיר שפּירן טויזנט מאָל יעדן טאָג. מען רעדט דאך אַגאַנצן טאָג פון תוצאות און הצלחות, אַנשטאָט מען זאָל חזר'ן אַז 99 פּראָצענט פון דער הצלחה בתורה וביראת שמים איז געוואָנדן אין תפלה און אין סייעתא דשמיא, און בלויז איין פּראָצענט האָט צוטון מיט די השתדלות.

ס'איז זיכער אַז די התמדה און די יגיעה זענען גוטע 'כלים' צו באַקומען די סייעתא דשמיא פון הימל, אָבער **ס'איז טאַקע בלויז כלים!** ווען חז"ל זאָגן אונז (נדה ע,ב): **"מה יעשה אדם ויחכם? ירבה בישיבה ויבקש רחמים ממי שהחכמה שלו"**, מיינט נישט די ווערטער 'ירבה בישיבה' אַז מען זאָל זיך בלויז אָנשטרענגען צו אויפבלייבן ביינאַכט, נאר די כוונה איז אויך אַז **דער מענטש זאָל זיך מכניע זיין און זיצן מיט הכנעה פאַר זיינע רבי'ס צו לערנען תורה.** דאָס איז אודאי אויך כולל אַז אפילו ווען ס'איז שווער זאָל מען בלייבן זיצן ביי דער גמרא, אָבער די נקודה איז בעיקר אַז **דער מענטש זאָל זיך מאַכן פאַר אַ כלי, צו באַקומען די חכמה פון דעם אויבערשטן, וואָס בלויז ער קען אונז געבן אמת'ע הצלחה בתורה!**

אפילו ווען מען וואָלט געזאָגט אַזעלכע ווערטער איינמאָל אַ וואָך, וואָלט עס אויך נישט גענוג געווען, ווייל די גאַנצע סביבה שרייט דאך פאַרקערט. מען דאַרף אַזויפיל חזר'ן אַז די גאַנצע הצלחה בתורה וביראת שמים קומט אַלעס פון דעם אויבערשטן!

## לעולם יהא שם שמים שגור על פיך

ס'איז ידוע מעשיות פון צדיקים וואָס האָבן געזאָגט מוסר פאַר אַ איד, אויב זיי האָבן געהערט

וויאַזוי ער פאַרציילט זיינע איבערלעבענישן און ער דערמאַנט נישט אינמיטן דעם אויבערשטנס נאָמען. וואָס דאָס איז אַ באַווייז אַז מען האָט אַביסל פאַרגעסן אַז דער רבוש"ע פירט אונזער גאַנצע לעבן.

**די עצה דערצו איז צו נעמען דעם 'חובת הלבבות' אַלס אונזער מורה דרך און אונזער רבי!** צו געדענקן וואָס דער 'חובת הלבבות' לערנט אונז, אַז מען קען נישט זיין קיין עובד ה' אויב מען דערמאַנט נישט אַגאַנצע צייט אַז דער אויבערשטער איז אַל

עס! **עס קען נישט זיין אַזאַ זאַך אַז מען זאָל לערנען אַגאַנצע סדר און מען זאָל זיך נישט דערמאַנען אינמיטן פון וואו די חכמה קומט.** אויב חלילה לערנט מען אָן די ידיעה, דעמאָלט ווערט דאָך אַזאַ תורה נישט אָנגענומען אין הימל. **אַז דער מענטש איז זיך בוטח אין זיין אייגענע חכמה וועט אים דאָס לערנען תורה גאָרנישט ברענגען!** עס וועט אים נישט מזכך זיין, נאר ברענגען צו נאָכמער גאוות און מדות משחתות ח"ו.

## די דורכפאַל איז געשיקט פון הימל צו ערוועקן דעם מענטש

אין ספר **'אמרי פנחס'** ווערט געברענגט אויף הרה"ק רבי **רפאל מבערשיד** זי"ע, דער תלמיד פון הרה"ק רבי **פנחס קאָריצער** זי"ע, אַז יעדעס מאָל וואָס עס איז אים אונטערגעקומען אַ בזיון אָדער אַ שפלות איז דאָס ביי אים געווען חביב 'כמוצא שלל רב'! אפילו ווען דאָס איז געווען 'בעניני העבודה', אויב ער האָט געהאַט אַ טעות ביים דאַווענען אָדער ביים ספירה ציילן, איז ער געוואָרן דערפון זייער שטאַרק בשמחה.

הרה"ק רבי רפאל זי"ע האָט געזאָגט אַז אַ מענטש זאָל נישט וויינען ווען עס קומט אים אונטער אַ מכשול ח"ו, וויל פון הימל האָט מען אים דאָס צוגעפירט, אַז **ער זאָל באַקומען אַ צעבראָכן האַרץ און ווערן געראַטעוועט פון גאות.** דאָס איז פונקט ווי אַ דאָקטער גיט פאַר'ן חולה אַ ביטערע זאַך וואָס וועט אים אויסהיילן, אַזוי אויך העלפט דער אויבערשטער אַז דער מענטש האָט אַמאָל אַ געזונטע דורכפאַל, כדי ער זאָל זיך צוריקכאַפּן און זיך אָנהויבן פאַרלאָזן אויף השי"ת.

אין 'אמרי פנחס' שטייט ווייטער אַז מיט דעם יסוד האָט רבי רפאל בערשידער זי"ע מפרש געווען וואָס זיין רבי הרה"ק רבי פנחס קאָריצער זי"ע האָט אים אַמאָל געזאָגט, ווען ער האָט זיך אָפּגערעדט וועגן חטאות נעורים, האָט רבי פנחס אים געזאָגט 'האָב נישט מורא'! - לכאורה איז דאָך דאָס אַ 'דבר תמוה' וויאַזוי קען מען זאָגן פאר אַ מענטש וואָס האָט באַקומען אַ קויל אין קאָפּ אַז ער זאָל נישט מורא האָבן. איז ער מסביר באריכות אַז אויב דער מענטש הייבט נישט אָן אליינס צו תשובה טון, שיקט אים דער אויבערשטער אַ רפואה דורך אַ קלאַפּ ח"ו. עס קומט אים אונטער אַ מכשול אים צו צעברעכן און דאָס איז זיין רפואה.

דעריבער זאָל דער מענטש נישט בלויז וויינען נאָר ער זאָל זיך טאַקע מכניע זיין און דאַנקן דעם אויבערשטן און זאָגן: דו האסט מיך געגעבן אַ קלאַפּ פאר מיין רפואה, איך זאָל געדענקן מיין שפלות. וזל"ק: **"אַ שיינעם דאַנק פאַר דיר טאַטעניו אַז דו ביסט מיר מעורר אַז איך זאָל נישט איינגיטונקען דאָרטן במצולת טומאת הגאוה, ואני מבקש ממך שמעתה תעזרני שאתעורר מעצמי להיות נכנע ושפל רוח".**

## מען קען שטייגן פון אַ 'ירידה' מער ווי פון אַ פאַלשע 'הצלחה'

אָט דער יסוד וואָס די הייליגע צדיקים האָבן אונז געלערנט פאַרענטפערט דאך אַזויפיל זאַכן: ווען דער מענטש וואָלט זיך געפירט כדבעי, ער וואָלט געדענקט יעדע מינוט אַז ער איז אין די הענט פונעם אויבערשטן. ער וואָלט געזאָגט פאַר'ן דאַווענען, פאַר'ן לערנען און פאר יעדע זאַך וואָס ער טוט: "רבוש"ע, העלף מיר איך זאָל קענען דאַווענען, איך זאָל קענען לערנען, ווייל איך אליינס קען גאָרנישט", דעמאָלט וואָלט ער נישט געדאַרפט אָנקומען צו קיין מכשול. **אָבער אַז ער האָט נישט אַזוי געטון, האָט מען פון הימל געמוזט אים שיקן עטליכע משכולות, וואָס דאָס קומט מרוב רחמיו וחסדיו, ווייל דו האסט פאַרגעסן פונעם אויבערשטן האָט מען דיך געמוזט דערמאַנען אויף דעם וועג, אַז דו קענסט גאָרנישט אליינס.**

דאָס הייסט אין אַנדערע ווערטער, אַז אַמאָל קען דער מענטש שטייגן דוקא פון די ירידות און נפילות, נאָכמער ווי פון זיינע 'הצלחות'! אָט די אַלע דורכפעלער מאַכן אַז ער זאָל זיין אַן ערליכער איד, ווייל ווען נישט דאָס, וויאַזוי וואָלט ער בכלל געדענקט אַז ער דאַרף זיך אַלעמאָל פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטן? **אַדאַנק דעם וואָס ער האָט געכאַפּט אַ קלאַפּ דאָ און אַ קלאַפּ דאָרט, איז ער אָנגעקומען צו די טיפע הכרה אַז ער איז קיינמאָל נישט פאַרזיכערט מיט זיינע הצלחות!** אַצינד, אויב ער וועט דאָס גוט אָפּלערנען, קען ער אָנהויבן לעבן ווי אַן אמת'ער איד וואָס איז אָנגעוויזן אויפ'ן רבוש"ע.

## די ריכטיגע וועג פון געבן 'סעלף קאַנפידענס'

אין דער וועלט איז מען היינט זייער פאַרנומען צו געבן פאַר בחורים מיט אינגעלייט 'סעלף קאַנפידענס'. מען זאָגט זיי: "קוק וויפיל כוחות דו האסט, קוק וואָס פאַראַ בעל כשרון דו ביזט, דאַרפסט וויסן דיינע כוחות, אַזוי וועסטו מצליח זיין". פאַרוואָס זאָגט מען דאָס?! ווייל מען וויל זיי מחזק זיין נישט צו ווערן צעבראָכן און נאָכגעלאָזט.

דער אמת איז אַז דער מענטש דאַרף טאַקע וויסן זיינע גרויסע כוחות, עס ווענדט זיך בלויז וויאַזוי מען זאָגט דאָס. **אַמאָל קען דאָס זיין ממש אַ מצוה, אָבער אַמאָל איז דאָס פונקט פאַרקערט.**

די ריכטיגע אופן וויאַזוי דאָס צו זאָגן איז: **"קוק וויפיל כלים און כשרונות דער רבוש"ע האָט דיך געגעבן! אַלעס ווייל ער וויל דיך העלפן אָנקומען צו די ריכטיגע הצלחה! אָבער געדענק אַז בלויז ער קען דיך העלפן און אויב חלילה נישט, וועט דיר גאָרנישט העלפן אַלע דיינע כשרונות!"**

אַזויווי ער האָט מיך געהאָלפן ביים לערנען, וועט ער מיך העלפן מיט די נסיונות ביי דער אַרבעט!

## דאָס גרויסקייט מאַכט נישט די הצלחה

מען קען נעמען אַ משל פון די עראָפּלאַנען. ס'איז דאָ גרעסערע עראָפּלאַנען, וואו הונדערטער מענטשן קענען אַריינגיין, און ס'איז פאַרהאַן קלענערע עראָפּלאַנען וואו עס איז דאָ פּלאַץ פאַר עטליכע מענטשן. אָבער **יעדער פאַרשטייט אַז די הצלחה פון דער עראָפּלאַן רייזע איז בכלל נישט געוואָנדן ווי גרויס אָדער קליין די עראָפּלאַן איז.** די איינציגע וועג וויאַזוי די עראָפּלאַן וועט לאַנדן ריכטיג איז **אויב דער פּילאָט האַלט אָן אַ גוטע פאַרבינדונג מיט די קאָמוניקאַציע 'טאַוער' וועלכער צייגט אים וואָס צו טון.**

אַמאָל הערט מען פון מענטשן: "יענער האָט מצליח געווען מיט'ן לערנען ווייל ער האָט די כלים, ער איז אַ בעל כשרון". **דאָס איז די זעלבע טעות ווי מען זאָל זאָגן אַז יענער עראָפּלאַן איז אָנגעקומען בשלום ווייל ס'איז געווען גרעסער...** די אַלע זאַכן, פון כשרונות און גרויסקייט, האָט דאָך בכלל נישט קיין שייכות מיט די הצלחה. ס'איז דאָ איין איינציגע וועג פאַר הצלחה: זיך צו פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטן, צו אויפכאַפּן זיינע רמזים, ווען ער זאָגט רעכטס און ווען ער זאָגט לינקס, **אַזוי קומט מען אָן.** אָפּגעזען וויפיל כשרונות מען פאַרמאָגט!

## דער זעלבער באַשעפער אין ביהמ"ד און אויפ'ן גאס

מיר דאַרפן זיך איבערדרייען דעם מח לטובה, דורך דאָס חזר'ן יעדן טאָג, אויף טריט און שריט. דעמאָלט וועט מען אָנהויבן זען אַנדערע סאָרט הצלחות. **מען ווערט אַן ערליכער איד! מען קען זיך ספּראַווען מיט נסיונות!** מען לעבט מיט'ן אויבערשטן, און מען גלייבט אַז דער זעלבער באַשעפער וואָס האָט מיך באַגלייט ביים לערנען אין בית המדרש, באַגלייט מיך יעצט ווען עס קומט אונטער נסיונות אויף דער גאַס.

אַ אינגערמאַן גייט אַרויס פון כולל אַרבעטן און ער איז אויסער זיך: "וויאַזוי איז אפילו שייך במציאות צו זיין אַן ערליכער איד מיט אַזעלכע נסיונות?!".

אַזאַ קשיא קומט וויבאַלד ער דאַרף יעצט אָנהויבן טרעפן אַ נייעם רבוש"ע, **וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געטראַכט פון אים אין בית המדרש...** ער האָט ביז יעצט געטראַכט אַז זיין גאַנצע אידישקייט איז אַדאַנק זיינע אייגענע כוחות און כשרונות, אודאי' קען ער זיך אַצינד נישט קיין עצה געבן. אין ישיבה, ווען ער האָט געהאַט אַ פּראָבלעם, ער איז געווען צעבראָכן, האָט אים דער 'מומחה' געזאָגט אַלע סאָרט חיזוק, חוץ דעם אמת, אַז "דער אויבערשטער באַגלייט דיך, און ער גייט דיך זיכער העלפן"!

אויב אָבער מען איז זיך יאָ ריכטיג מרגיל די מחשבה, אויך ווען מען זיצט ביי דער גמרא, אַז "איך קען גאָרנישט, איך האָב נישט קיין מעגליכקייט צו מצליח זיין אין תורה, בלויז מיט דעם באַשעפער'ס הילף". **אַצינד איז אים שוין נישט קיין חילוק, זאָל זיין דער נסיון פון ביהמ"ד, זאָל זיין דער נסיון פון דער גאַס, וואו איך געפין זיך וועט מיך השי"ת סייוי באַגלייטן און פירן!** אַזויווי ער האָט מיך געהאָלפן ביים לערנען, וועט ער מיך העלפן מיט די נסיונות ביי דער אַרבעט!

דאָס איז דער אמת וואָס דער 'חובת הלבבות' חזר'ט מיט אונז, און אַז מיר וועלן לעבן דערמיט וועט אונז זיין ליכטיג, געשמאַק און וואַרעם, און מען וועט אָנקומען צום תכלית בעז"ה!

# שמירת עינים

## תנה בני לבך לי ועיניך:
אַז מען האָט 'אמונה' האָט מען 'שמירת עינים'

יום שני משפטים, כ"ו שבט, תשפ"א

א

## כל מצותך אמונה; יעדע מצוה איז אַן 'עצה' פאר 'אמונה'

### עצות פאר אמונה

איינס פון די גרויסע תפקידים וואָס ליגט אויף אַ איד, איז צו אויפזוכן און געפינען ביי יעדע פון די תרי"ג מצוות, וויאַזוי איז דאָס אַן עצה און אַ וועג צו באַקומען מער אמונה! דער **זוהר הק'** זאָגט דאך אין פּרשת תרומה אַז אַלע מצוות אין דער תורה, סיי מצוות עשה און סיי מצות לא תעשה, זענען 'עצות' וויאַזוי אַ מענטש קען ווערן נאָנטער צו השי"ת און ווערן שטאַרקער מיט אמונה.

במילא ליגט דאך אויף אונז אַ פליכט צו חוקר ודורש זיין ביי יעדע מצוה: וויאַזוי איז דאָס אַן עצה פאר אמונה און וויאַזוי קען דאָס אונז מער מקרב זיין צום אויבערשטן.

### 'קדושה' באַדייט אַז מען איז מיוחד צום אויבערשטן

ווען מען רעדט פון דעם לאו פון "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם" איז דאך לכאורה גאַנץ קלאָר וויאַזוי דאָס איז מקרב דעם מענטש צום אויבערשטן, ווייל דער פּסוק זאָגט אונז שוין: "**למען תזכרו ועשיתם את כל מצותי והייתם קדושים**". דאָס וואָרט 'קדושים' איז טייטש אַז מען איז אָפּגעשיידט פון אַלעס און מען האָט בלויז איין זאַך. אַזוי זאָגט **תוספות** (קידושין ב, ב) אויף די ווערטער 'הרי את מקודשת לי' אַז דער טערמין פון 'קדושה' באַדייט: 'אָפּגעזונדערט פון אַלעס און מיוחד בלויז פאר איינעם'.

קומט דאך אויס אַז די כוונה פון דעם פּסוק 'והייתם קדושים' איז אַז ווען אַ איד גיט אַכט אויף זיינע אויגן, ער שיידט זיך אָפּ פון אומריכטיגע זאַכן, ער נעמט נישט זיין חיות פון דברים אסורים, וועט ער אויטאָמאַטיש באַקומען זיין גאַנצע חיות פון דעם אויבערשטן. ער וועט יונק זיין פון דעם רבוש"ע זיין גאַנצע הנאה, זיין תענוג און זיין שפע.

### וויאַזוי די אבות הק' האָבן מקיים געווען די גאַנצע תורה

דער ספה"ק "**דגל מחנה אפרים**" (פּרשת עקב) ברענגט פונעם זוהר הק' אַז אַלע מצות עשה זענען נכלל אין 'אנכי', און אַלע לא תעשה'ס זענען נכלל אין דעם 'לא יהיה לך'.

דערמיט איז ער מסביר וויאַזוי די אבות הק' האָבן שוין מקיים געווען אַלע מצוות, ווייל באמת ווען איינער האָט אַ ריכטיגן בליק אויף דער וועלט, וואָלט מען אים שוין בכלל נישט געדאַרפט זאָגן וואָס ער מעג יאָ טון און וואָס ער מעג נישט טון! עס וואָלט געווען גענוג אַז דער אויבערשטער זאָל אים מגלה זיין אַז 'איך וויל דו זאָלסט זיין דבוק צו מיר און דו זאָלסט נעמען דיין גאַנצע חיות פון מיר'. אַזאַ סאָרט מענטש וואָלט אליינס פאַרשטאַנען וואָס איז אַ 'מצוה' און וואָס איז אַן 'עבירה', ער וואָלט נישט געדאַרפט אפילו וויסן די 'טעמי המצות', ער וואָלט נישט געפרעגט פאַרוואָס מען טאָר נישט קוקן אויף קיין ראיות אסורות, ווייל ער וואָלט פאַרשטאַנען אַז דאָס שאָדט פאר זיין דביקות צום אויבערשטן.

דער 'דגל' ענדיגט צו אַז די סיבה פאַרוואָס דער רבוש"ע האָט יאָ געשריבן די תורה, איז פאַר אונז, וואָס מיר האָבן נישט אַזעלכע מוחין ווי די אבות הק', דערפאַר האָט מען אונז געדאַרפט אַרויסשרייבן יעדע מצוה וואָס דורכדעם קען מען משיג זיין דעם 'אנכי' און דעם 'לא יהיה לך'.

די הייליגע ווערטער זענען אַ געוואַלדיגע לימוד אַז אַצינד, נאָכדעם וואָס מיר האָבן יאָ באַקומען פונקטליכע מצות עשה'ס און לא תעשה'ס, דאַרפן מיר כאָטש דערהערן און זיך מתבונן זיין אין יעדע מצוה, וויאַזוי דאָס גייט אונז ברענגען נענטער צום אויבערשטן, וויאַזוי דאָס גייט שטאַרקן אונזער אמונה און בטחון און וויאַזוי דאָס גייט אונז ברענגען נאָנטער צום תכלית פאַרוואָס מיר זענען געקומען אויף דער וועלט.

ב

## עיניך תחזינה מישרים; דער מענטש באַקומט זיין 'חיות' דורך די אויגן

### דער כח פון 'חיבור' דורך די אויגן

ווען עס קומט צו דעם ענין פון 'שמירת עינים' זעהט מען אַז דער רבוש"ע האָט געגעבן אַ געוואַלדיגן כח פאַר'ן מענטש דורך די אויגן, און אַזוי אויך דורך די אַנדערע חושים, אַז ער זאָל דורכדעם זיך קענען מחבר זיין מיט אַנדערע מענטשן און מיט די וועלט אַרום, וואָס דאָס גיט חיות פאַר'ן מח און דערנאָך פאַר'ן הארץ, ווייל דער מח איז דאך 'שליט על הלב', דער מח איז משפּיע אויפ'ן האַרץ.

אַ מענטש וואָס זעט און הערט גאָרנישט, ער זיצט אליינס אין אַ צימער מיט פיר ווענט, און ער האָט נאָך קיינמאָל גאָרנישט געהערט אָדער געזען, ער קען זיך נישט מחבר זיין מיט קיין שום ידיעה, אַזאַ מענטש קען נישט לעבן. **אַזוי האָט דער רבוש"ע באַשאַפן דעם נפש פונעם מענטש אַז זיין מח און זיין האַרץ זאלן זיין אָנגעוויזן אויף אַ חיבור מיט די אַרומיגע וועלט.**

מען זעט דאָס טאַקע ביי עלנדע מענטשן וואָס טרעפן זיך נישט מיט אַנדערע אַז דאס שאָדט זייער שטאַרק פאַר'ן נפש, ווייל דער מח פונעם מענטש דארף זיך מחבר זיין מיט עפּעס. די 'התחברות' גיט די נויטיגע 'מזון' פאַר'ן מח. ער זעט זאַכן, ער הערט זאַכן, דאָס וועקט אים אויף זיין מציאות, ווען ער איז מתחבר מיט נאָך עפּעס.

### באַקומען 'מזון הנפש' פון תורה און תפלה

אַ איד ווייסט אַז די בעסטע וועג פון 'חיבור' איז זיך צו מחבר זיין מיט'ן אויבערשטן און דער רבוש"ע האָט אונז טאַקע געגעבן אַסאַך אופנים וויאַזוי מ'קען זיך מחבר זיין מיט אים.

איינס פון די הויפּט אופנים דערצו איז דורך 'תורה' און 'תפלה', דורכדעם באַקומט דער מענטש די געשמאַקסטע 'מזון' פאר זיין נפש.

אודאי איז דאָ אַסאַך מדריגות אין תורה און אין תפלה, אָבער אפילו די פּשוט'סטע וועג פון לערנען זעט מען בחוש אַז אַ מענטש באַקומט ממש אַ 'חיות' ווען ער הערט אַ שיינע חידוש אין תורה, ער באַקומט אַ שטאַרקע סיפּוק דערפון, **ווייל ער האָט יעצט באַקומען זיין 'מזון הנפש', דורך דעם רבוש"ע אליינס, וואָס ער איז דער מקור השפע והחיות.**

פאַרדעם האָט דער אויבערשטער אַזוי אויסגעשטעלט אַז מען קען קיינמאָל נישט ענדיגן די תורה, מען דאַרף אַלעמאָל לערנען פון פריש. אַזוי אויך ביי תפלה איז דאָ דער באַגריף פון 'הלואי שיתפלל האדם כל היום כולו". דאָס איז דירעקט אַזוי, כדי דער מענטש זאל אַלעמאָל קענען זיך מחבר זיין מיט'ן רבוש"ע און באַקומען פון אים זיין 'חיות' און זיין 'מזון' פאַר'ן נפש.

### באַקומען 'מזון הנפש' דורך 'אהבת ישראל'

אַזוי אויך דורך 'אהבת ישראל' קען דער מענטש באַקומען אַ געוואַלדיגע 'מזון' פאר זיין נשמה, ווייל יעדער איד איז דאך אַ שטיק 'אלוקות', און ווען ער איז זיך מתחבר מיט אַ צווייטן איד, ער גיט פאר אַ צווייטן איד חיזוק, ער פאַרברענגט מיט אן אַנדערן איד, די אַלע זאַכן מאַכן אַז זיין אייגענע 'אלוקות' ווערט געשטאַרקט! **זיין נפש באַקומט אַ שפע פון 'מזון' וואָס ווערט נשפע פון דעם אויבערשטן אליינס, וואָס ער איז דער מקור השפע והחיות.**

פאַרדעם האָט טאַקע צדיקים געלערנט, ובפרט די תלמידי בעש"ט הק', אַז אַ איד זאל אַלעמאָל זיין פאַרנומען 24 שעה אין טאָג, אָדער מיט תורה, אָדער מיט תפלה, אָדער מיט ענינים פון אהבת ישראל. כדי אַז ס'זאָל נישט בלייבן קיין איין רגע וואָס דער נפש באַקומט נישט קיין חיות פון דעם רבוש"ע.

מען קען דאָס טאַקע באמערקן אַז די אַלע וואָס זענען עוסק צו טון חסד מיט אַנדערע אידן זענען 'מלא חיות'. פון וואָס קומט זייער חיות? ווייל זייער נפש באַקומט די ריכטיגע 'מזון' פון דעם רבוש"ע וואָס איז דער מקור החיות.

ווען דער מענטש איז אין אַ שוואַכע מדריגה באַקומט ער דעם סיפוק פון אַ 'כוחי ועוצם ידי' געפיל, אַז 'איך האָב אויפגעטון היינט, איך האָב געזינגען פאר אַ צווייטן, איך האָב געהאָלפן מענטשן', אָבער אויב מען וועט אַוועקלייגן דעם 'מסך המבדיל', וועט מען זען אַז די אָריגינעלע סיפוק און געשמאַק דערפון איז, ווייל ווען ער האָט געהאָלפן אַ צווייטן האָט ער זיך מחבר געווען צום אויבערשטן און ער האָט באַקומען זיין 'מזון הנפש' פון דעם בעסטן פלאַץ.

דער כלל איז גילטיג ביי אַלע חושים. דער רבוש"ע האָט אונז געגעבן אַ מויל מיט אויגן און אויערן, אַז דורכדעם זאָלן מיר זיך קענען מחבר זיין מיט גוטע זאַכן און אַזוי קענען יונק זיין אונזער חיות פון דעם מקור החיות.

### מען קען באַקומען חיות פון אומריכטיגע פלעצער

אָבער פונקט ווי אַ איד קען באַקומען זיין חיות דורך זיך מחבר זיין צו גוטע זאַכן, האָט דער רבוש"ע געמאַכט 'זה לעומת זה', אַז דער מענטש האָט אַ מעגליכקייט זיך צו מחבר זיין צו שלעכטע זאַכן און באַקומען זיין חיות פון דאָרט.

דאָס איז פונקט ווי איינער וואָס דאַרף האָבן עלעקטעריק פאר זיין הויז, האָט ער אַן אויסוואַל צו אינסטאַלירן אַ נאָרמאַלע עלעקטעריק קאָנעקשאָן און באַצאָלן יעדן חודש פאר די עלעקטעריק קאָמפּאַני. ער קען אָבער אויך מחליט זיין אַז ער גייט מאַכן אַ גניבה און באַהעפטן זיין עלעקטעריק צו אַ שכן, אַזוי וועט ער נישט דאַרפן באַצאָלן.

דאָס זעלבע קען אַ מענטש נוצן זיין כח הראי', זיין כח השמיעה, זיין כח הדיבור, צו זיך מחבר זיין צום אמת'ן טוב, וואָס דעמאָלט וועט ער באַקומען זיין יניקה פון אַ גוטע פלאַץ, און ער קען אויך בוחר זיין זיך צו מחבר זיין צו שלעכטס וואָס דעמאָלט וועט ער באַקומען זיין תענוג פון אַ נישט גוטע פלאַץ.

ג

# כל מזונותיו קצובין; יעדע תענוג איז באַשערט, מען וועט דאָס סייווי באַקומען

### ווען מען גנב'ט הנאה דורך אן איסור איז דאָס אַ חסרון אמונה

ווען מען ווייסט דעם יסוד קען מען פאַרשטיין וויאַזוי יעדע מצוה און יעדע עבירה איז נכלל אין דעם 'אנכי ולא יהיה לך', ווייל ווען דער מענטש איז מקבל זיין תענוג פון אַ שלעכטע פלאַץ - צום ביישפיל, ער רעדט אַ לשון הרע'לע, און ער האָט באַקומען דערפון זיין חיות און זיין סיפוק - האָט ער יעצט, אין אַ געוויסע בחינה, געדינט עבודה זרה רח"ל! **ווייל ער האָט געוויזן אַז ס'איז דאָ נאָך אַ מקור פון חיות אויסער דעם אויבערשטן.**

ווען אַ מענטש נעמט זיין הנאה פון אַן עבירה, איז ער 'מגלה דעת' אַז צומאָל קען ער נישט נעמען זיין חיות פונעם אויבערשטן, דעריבער נעמט ער עס פון אַנדערע פלעצער, דורך עבירות, טראָצדעם וואָס ער גייט דערפאַר באַצאָלן זייער טייערע ריבית.

אַזאַ מענטש, וואָס איז זיך מחבר צו 'רע', 'ווערט אויטאָמאַטיש זיין אמונה זייער שטאַרק אָפּגעשוואַכט, ווייל ער שפירט נישט אַז דער רבוש"ע שטעלט אים צו אַלע זיינע באַדערפענישן און אַלע זיינע תענוגים. **אויב וואָלט ער באמת געגלייבט אַז דער אויבערשטער גיט אים אַלעס, וואָלט ער דאָך נישט געדאַרפט גנב'ן זיין תענוג פון אַ נישט אויסגעהאַלטענע פלאַץ!**

דאָס איז גאָרנישט אַנדערש ווי איינער וואָס גייט און גנב'ט געלט פון זיין חבר, ווייל ער האָט נישט קיין אמונה אַז דער רבוש"ע האָט פאַר אים אויך באַשערט זיין אייגענע שפע. די זעלבע זאַך ווען איינער גנב'ט הנאה, דורך אַן עבירה, קומט דאָס פון אַ חסרון אמונה אַז דער רבוש"ע קען אים געבן וויפיל הנאה ער דאַרף האָבן, פון אַ גוטע פלאַץ.

### יעדע הנאה איז אָנגעשריבן פון ראש השנה

דער קאזשיגלאווער גאון זצ"ל אין זיין ספר **ארץ צבי** (פרשת ויצא) איז דאס מבאר, אַז מיר ווייסן דאך דעם יסוד פון "כל מזונותיו של אדם קצובין לו מראש השנה עד ראש השנה". א מענטש קען נישט באַקומען קיין שפע אויב דאָס איז אים נישט באַשערט און אָנגעשריבן פון ראש השנה.

אויב באַקומט ער דאָס פון דעם אויבערשטן איז דאך גוט, אָבער אויב דער מענטש איז מחליט אַז ער גייט עס נעמען באיסור, האָט ער זיך באַנאַרישט, **ווייל ער וואָלט דאָס סייווי באַקומען**, און אַצינד גייט ער בלויז ליידן אן עונש פאַר'ן עס נעמען באיסור.

די זעלבע זאַך איז דאָ ביי יעדע הנאה וואָס אַ מענטש באַקומט. יעדע הנאה איז אַ צורה פון 'שפע', געלט איז דאך אויך בלויז אַ געוויסע סאָרט 'שפע', און אפילו ווען מען האָט שוין געלט דאַרף מען נאָך האָבן אַזויפיל 'שפע' אויף אַנדערע זאַכן. אייגנטליך איז 'הנאה' און 'תענוג' נאָכמער אן אָריגינעלע אופן פון שפע.

אויב אַ איד האָט אמונה ווייסט ער אַז ס'איז נישט שייך צו נעמען קיין שום הנאה וואָס מען האָט אים נישט אָנגעשריבן בעפאָר פון הימל. דעריבער **ווען אַ מענטש נעמט זיין תענוג פון אַן עבירה, איז אים סייווי געווען באַשערט צו באַקומען די זעלבע תענוג. אויב וואָלט ער נישט געטון די עבירה וואָלט ער באַקומען ממש די זעלבע מאָס תענוג און הנאה באופן של היתר!** נאר יעצט איז ער געגאַנגען און דאָס גענומען פון אַן עבירה, וואָס וועט אים נעבעך קאסטן אַ טייערן פרייז.

> **א איד זאל אַלעמאָל זיין פאַרנומען 24 שעה אין טאָג, אָדער מיט תורה, אָדער מיט תפלה, אָדער מיט ענינים פון אהבת ישראל.**

### גע'גנב'ט דאָס געלט וואָס מען האָט אַוועקגעלייגט פאַר אים...

ער לייגט דאָרט צו אַ מעשה אַז הרה"ק **מווארקא** זי"ע האָט געהאַט אַן אָרימער שמש וואָס האָט געהאַט צעריסענע שיך. דער צדיק האָט רחמנות געהאַט אויף אים און צאַמגעקליבן געלט צו קענען קויפן פאַר אים שיך. דער שמש האָט אָבער נישט געוואוסט דערפון, און ווען ער האָט געזען אַז עס ליגט אַוועקגעלייגט אַ פעקל געלט ביים רבי'ן, האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן, ער האָט גע'גנב'ט דאָס געלט און זיך געקויפט דערמיט שיך...

האָט אים דער צדיק געזאָגט: **"אַזוי אַרבעט אן עבירה, אויב וואָלסטו געוואַרט נאָך אַביסל, וואָלסטו דאך באַקומען די זעלבע געלט בהיתר"!**

דאָס הייסט אַז אפילו אַ גנב האָט נישט קיין שום מעגליכקייט צו גנב'ן נאר אויב ס'איז אָנגעשריבן געוואָרן אַז דאָס געלט וועט אָנקומען צו אים. אויב וואָלט ער נישט געווען קיין טיפש וואָלט די זעלבע געלט אָנגעקומען צו אים אויף אַן אופן פון אַ היתר, נאָר ער האָט די בחירה דאָס צו גנב'ן באיסור.

**די זעלבע זאַך איז מיט יעדע הנאה און מיט יעדע תענוג אויף דער וועלט!** אויב האָט דער מענטש עס באַקומען איז זיכער אַז דאָס איז געווען פאַר אים באַשערט. דער מענטש האָט נאָר די בחירה אויב ער וויל אויסוואַרטן ביז ער וועט דאָס באַקומען בהיתר, אָדער ער זאָל דאָס אליינס נעמען חלילה באיסור.